ער רעדט אַרום אויספיהרליך און דערביי ריין זאַכליך און וויסענשאַפטליך די אַלערליי פאַזען און עטאַפּען פון דער בעציהונג צו אַרבייט ביי יודען. ער מאַכט אַ סוף צום פאָראורטייל, אַז יודען האַלטען נישט פון אַרבייט, ער פּרובט אַנאַליזירען דעם בעגריף פון תורה ועבודה, דת ועבודה. אנשטאָט אָבער צוצוקומען צום איינציגען לאָגישען אויספיהר פון סינטעזע, פון האַרמאָניע פון די דאָזיגע בעגריפען, בעמיהט ער זיך אָנצובונדען צו א. ד. גאָרדאָנס אידעע פון „דת העבודה” וועלכע איז גיכער אַנ׳אַנטיטעזע, איינס אָנשטאָט דעם אַנדערען; נישט דת ועבודה, נאָר „דת של עבודה”, מיט וואָס מיר זענען נאַטירליך נישט מסכים, וואָרום עבודה אַליין קען בשום אופן נישט פערטרעטען דעם דת אַפילו מ׳זאָל עס אָנרופען דת העבודה. — דאָס איז דער עקסטרעמער קאָנטראַסט פון יודישער וועלט־אַנשויאונג. דאָס בעווייזט אויך די פּראַקטיק.

די אָבהאַנדלונג אָבער אַלס אַזעלכע, אָהן דער מסקנה פערשטעהט זיך, — קען דיענען אַלס דאַנקבאַר מאַטעריאַל צו פערטיעפען און פערברייטערן די אידעע פון פועלי אגודת ישראל.

•

אַ דירעקטען פערדיענסט פאַר אונזער אידעע האָט דער צווייטער מחבר יצחק לעווין, וועלכער האָט אין דער אויבענדערמאָנטער צייטשריפט פערעפענטליכט אַ אויספיהרליכע אָבהאַנדלונג איבער ישיבת חכמי לובלין.

דער אויטאָר דערצעהלט דאָרט ברייט די גאַנצע געשיכטע פון דער ענטשטעהונג פון דער לובלינער ישיבה. דאַן געהט ער איבער צו בעשרייבען גענוי די ישיבה אַליין ער גיט אויך איבער בפרטיות דעם סדר און אופן הלימוד אין דער ישיבה. דערביי בעשרייבט ער אין זעהר אַ פיינער שפּראַך די אידעע, ענטשטעהונג און אופן פונ׳ם דף יומי.

פאַר דער פּויליש־לעזענדער יודישער אינטעליגענץ, וועלכע שעפּט ידיעות איבער׳ן רעליגיעזען יודענטום פון „נאַוואַ־סלאָוואַ” און ווייסט דעריבער פון אָרטאָדאָקסישען יודענטום, פון זיין אידעע און זיינע אינסטיטוציעס פונקט אַזוי פיעל וויפיעל דער לעזער פון „גאַזעטאַ וואַרשאַוסקאַ” איבער יודען בכלל, — ענטפּלעקט זיך דאָ אַ נייע וועלט. מ׳בעקענט זיך, מיט איינער פון שענסטע פערזענליכקייטען פון דער אגודת ישראל מיט׳ן לובלינער רב הרב מאיר שפירא, און מיט איינס פון איהרע שענסטע שאַפונגען. ביי דער געלעגענהייט ווענדעט זיך דער מחבר מיט אַ פּאָר הייסע ווערטער וועגען איצטיגען מצב פון דער ישיבה.

יאָ, די איגנאָראַנץ וועגען דעם וואָס ס׳געשעהט אין לאַגער פונ׳ם רעליגיעזען יודענטום, דאָס נישט קענען די גייסטיגע וועלט פון יודענטום בכלל, דאָס איז די סיבה פון פיעל פאָראורטיילען, פון גרינגשעצונג און האַס לגבי יודען און יודענטום, בפרט לגבי דער אָרטאָדאָקסיע.


קאַטאַלאָג
אָרטאָדאָקסישע
ביבליאָטעקען


דעריבער דאַרפען די אַלע דערמאָנטע אַרבייטען — וואָס זענען אויך פאַר זיך אַליין זעהר ווערטפול, — האַרציג בעגריסט ווערען.

זיי זענען אַ „פענסטער קיין אייראָפּע”. נור נישט אין בּיזאַיצטיגען זין, כדי אַרויסצוקוקען, נאָר כדי צו ווייזען פרעמדע אַ שטראַהל פונ׳ם מאור שביהדות...

## יחיאל פיינער

# קריטיק

פון מיין בוך עסייען

אויפשניידען דאָס ווייס־בעפעדערטע העלזעל פון אַ נאַכטיגאַל און וועלען אָנטאַפּען איר געזאַנג בידים; צעפליקען אַ רויז, אַ בלום, אַ כריזאַנטעם און וועלען מיט אַ פּאַליפּ־נאָז דערשפּירען איר דופט: משל למה הדבר דומה? — איז דאָס גלייך צו אַ כירורג אין ווייסען כאַלאַט מיט וויוויסעקציע־מעסער אין האַנט וואָס טרעט צו פּאַלמעסען די נשמה פון אַ ביכעל לידער...

דאָס האַרץ פון דיכטער איז אַ הייליגע נעסט, אַ סודותדיג פערבאָרגען געצעלט, וואוהין ער זעלבסט קומט אויך נאָר דאָרט אַריין אין זעלטענע מינוטען, אין אויסגעבענקטע רגע׳ס — דאָרט הענגט אַ גאָלדענע סטרונע, אַ לירע...

דאָס האַרץ פון דיכטער איז אַ בלאָהער ים־שפּיגעל, וואָס אַ זייטיג אויג דערקענט נישט ווען שטורם׳דיגע כוואַליעס וועלען זיך צערוישען און דער שפּיגעל וועט צובראָזגעט ווערען.

אַ קאָנצענטראַציע־רעזערוואואַר, אַ קאַבעל פון טויזענדער אָנגעקניפּטע פעדים — אַזוי איז דעם דיכטער׳ס כוח־הדמיון, ס׳וועבט־זיך, ס׳שפּינט־זיך, ס׳פלעכט־זיך, עפּעס האָט זיך אָנגעצינדען, עפּעס ברענט, אַ פייער, אַ פלאַם, אַ פלאַקער! —

ס׳איז דאָס מעכטיגע געפיהל פון אַ שאַפענדיגע תקופה,

... און אַזוי ווערט דער דיכטער בעפרוכפּערט, מיטגעריסען, און פערכלינעט זיך ווי אַ דערטרונקענער אין ים פון גלאָקישער צעטרייסלונג, ער וויקעלט זיך אין כוואַליעס פון שאַפענדיגער סטיכיע. ער טרינקט דעם תוהו־ובוהו פון אַ מעכטיג געפיהל. און ס׳טוט אַ ציטער די גאָלדענע סטרונע אינ׳ם האַרצען פון דיכטער, קלאַנגען צופּליסען אין שטורעם׳דיגע עמאָציעס, אַ געהיימע האַנט נעמט אַראָב מיט פייערדיגע צוואַנגען די גליענדיגע קויל פון שאַפענדיגען מזבח און בעריהרט מיט איהר די ליפּען פון קינסטלער, און טרייבט איהם, און יאָגט איהם ווי אַ מורא׳דיגער פּאַטום, ער ווערגט זיך אין אויסגעבענקטע יסורים פון די חבלי־לידה, און עפּעס טהוט אַ ציטער־אויפווערט רייף. אַ בליץ, רוחניות׳דיגער אָבגלאַנץ.

אין פּלאַץ אויף דעם דיכטער׳ס טראַכט, אויפגעפּראַלט די טירען פון זיין פערבאָרגענעם הייליגטום.

דער דיכטער שפּייט אויס אַ ליעד...

און אויב קומט צוגיין אַ קריטיקער מיט לאָגישע כראָסטקעס אין זיינע געהירען, מעג ער אַפילו האָבען אַ שטאָלענעם מוח מיט צענ־טויזענד געצעהנדעלטע רעדלעך אין קאָפּ, קוים קאָן ער נישט איבערלגיפען דעם דיכטער צום העכסטען שפּיץ פון זיין גאָלדענער פייל זאָל ער זיין וואָרט צורייבען אונטער די ציין!

קריטיק הייסט: איבערדיכטען דאָס ליד פון אַ פרעמדען חלום, קאָן אָבער נישט דער קריטיקער אַדורכדרינגען דעם בלאָהען שפּיגעל פון דיכטער׳ס נשמה; אויב קאָן ער זיך נישט אַראָבלאָזען אונטער די שטורם׳דיגע כוואַליעס פון דיכטערס שעפערישען גייסט און דאָרט זעהן די חזיונות פון אַטאָם; דעם עמבריאָלאָגישען סדר; דעם שמן־זית, וואָס ברענט אין דער מנורה פון דיכטער׳ס נשמה —

אַזאַ קריטיקער זאָל די פען ברעכען